

# עובדות און סיפורים פון הרה"ק

# רבי צבי הירש מליסקא זי"ע

## תלמידו הגדול פון הייליגן ישמח משה זי"ע

### דערציילט דורך מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

קומענדיגע וואך מאנטאג פרשת דברים, פאלט אויס די 179טע יומא דהילולא פון הגה"ק צדיק כתמר יפרח רבינו משה טייטלבוים זי"ע בעל "ישמח משה" פון אוהעל. פאקטיש עפענט זיין יארצייט א סעריע פון דריי יומי דהילולות וואס פאלן אויס דעם קומענדיגן חודש, פון א רבי'ן, תלמיד און זיין אייניקל - כ"ח תמוז, יומא דהילולא פונעם ישמח משה זי"ע; י"ד אב, יומא דהילולא פון זיין גרויסן תלמיד הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע "בעל אך פרי תבואה"; און כ"ו אב, יומא דהילולא פון זיין גרויסן אייניקל מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע.

עס איז באקאנט אז מרן רבינו הקדוש מהר"י ט"ב זי"ע האט געהאט אן אויסטערלישן דביקות און התקשרות אינעם גרויסן תלמיד פון זיין זיידן, הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע. לויט ווי די משמשים בקודש פונדערהיים אין סאטמאר, ווי אויך די גבאים פון די יארן אין אמעריקע, פלעגן דערציילן, איז געווען טייל פון רבינ'ס הכנה דרבה אויף די ימים נוראים, יעדעס יאר פאר ראש השנה און במשך די עשרת ימי תשובה פלעגט ער לערנען דעם ספה"ק "הישר והטוב" די דרושים אויף ראש השנה, שבת שובה און יום כיפור פון רבי הערשעלע מליסקא זי"ע.

מען האט געזען א דבר פלא אז כידוע איז דער רבי זי"ע געווען זייער א שטארקער קעגנער פון מעשיות אן מקורות און עס האט זיך פון רבי'ן נישט געגאסן צופיל מעשיות. , אבער ווען ס'איז געקומען צו הרה"ק מליסקא זי"ע פלעגט ער דערציילן מערערע מעשיות און עובדות און אויך אין זיינע הייליגע ספרים טרעפט מען סיפורים פונעם ליסקא רב זי"ע. ווען דער רבי האט דערציילט א ליסקא מעשה איז ער געווארן זייער פארקאכט; ווי נאר ער האט אנגעהויבן דערציילן פלעגט ער זאגן די ווערטער "דער ליסקא רב" מיט א געוואלדיגען דחילו ורחימו.



כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א ביים ציון הקדוש אין ליסקא

נאך אין יאר תר"ע, 110 יאר צוריק, איז ערשינען דער ספר "דרכי הישר והטוב" פון הגה"צ רבי זאב וואלף גאלדבערגער זצ"ל, בן הגה"צ רבי יוזפא זצ"ל חדב"נ בעל אך פרי תבואה זי"ע, וועלכער איז געווען א דאפלטער אייניקל פון רבי הערשעלע מליסקא ווייל רבי וואלף איז געווען אן איידעם ביי זיין פעטער הגה"ק בעל טל חיים מליסקא זי"ע חדב"נ ומ"מ פונעם אך פרי תבואה. האט דערציילט הרה"ח ר' יוסף אשכנזי ז"ל משב"ק אז דער רבי זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויפ'ן דרכי הישר והטוב "עס איז א פארלעסליך ספר" און דער רבי פלעגט נאכדערציילן מעשיות פון דעם ספר.

דער חוט המשולש פון די דריי יארצייטן איז דעריבער א פאסיגע געלעגנהייט נאכצודערציילן עובדות וסיפורים וואס זענען געהערט געווארן מפום ממלל רברבן מרן רבינו הקוה"ט מסאטמאר זי"ע איבער דעם הייליגן רבי ר' הערשעלע מליסקא זי"ע - בפרט מעשיות וואס האבן א שייכות מיט זיין גרויסן רבי'ן דער ישמח משה - וואס די אלע מעשיות האבן א חשיבות גדולה וכפולה, סיי מיט איר קראנטקייט אלס סיפורים וואס זענען ארויסגעקומען מפי איש אמת, און סיי צוליב איר הייליגקייט צייגענדיג דעם קשר אמיץ וואס דער רבי זי"ע האט געשפירט צו דעם גרויסן צדיק.

מען האט געזען א וואונדערליכע זאך ביים רבי'ן, אז כ"ח תמוז פלעגט ער יעדעס

יאר פארן אויף די יארצייט פון זיין זיידן דער ישמח משה זי"ע קיין אוהעל, און אסאך יארן פלעגט ער אויפ'ן וועג אהיים זיך אפשטעלן אין ליסקא און דארט מתפלל זיין ביים ציון פון זיין זיידנ'ס גרויסער תלמיד. ספעציעל איז באקאנט אז אין יאר תרצ"ה ווען זיין ערשטע רביצין, הרבנית הצדקנית חוה ע"ה בת הרה"ק מפלאנטש זי"ע איז נישט געזונט געווען, איז דער רבי אריינגעפארן כ"ח תמוז קיין ליסקא און דארט איינגעריסן ביים ציון פון הרה"ק רבי הערשעלע זי"ע מיט אן אויסטערלישן התעוררות לרפואתה, ווי מיר וועלן שפעטער ברייטער שילדערן אין די סעריע, וואס האט געוויזן אויף זיין גרויסן אמונת צדיקים אין דעם גדול וקדוש.

באמת איז דאס נישט אזא וואונדער, ווייל דער ליסקא צדיק זי"ע איז בחיים חיותו געווען באקאנט אלס גרויסער פועל ישועות, און גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם, לאחר הסתלקות איז זיין ציון הקדוש געווען שטארק מפורסם אלס א מקום וואו מען זעט אפענע מופתים וישועות. דאס האט ער אליין פארגעזאגט נאך ביים לעבן, ווי זיין אייניקל הגה"צ רבי חיים אויש זצ"ל דער לופעני רב שרייבט, אז סמוך להסתלקותו האט רבי הערשעלע זיך אויסגעדרוקט "איך וועל ענק אויפטון אין די זאכן מער ווי אין די שיך". דאס זעלבע האט ער געזאגט ממש איידער די גסיסה פאר אלע וואס זענען געשטאנען ארום זיין בעט "ביי מיין קבר וועט מען געהאלפן ווערן מער ווי ביים לעבן".

די זאכן זענען געווען דברים מפורסמים אין דער אלטערהיים, ווי עס האט געצייגט דער פאקט אז אין לעצטע זיבעציג יאר איידער די צווייטע וועלט מלחמה זענען די דריי גרעסטע יערליכע צוזאמעקונפטן פון חסידישע אידן אין אונגארן געווען ביי די דריי יארצייטן ז' אדר אין קאלוב, כ"ח תמוז אין אוהעל און י"ד אב אין ליסקא.

אפילו נאך די צווייטע וועלט קריג ווען עס איז דורך א לאנגע צייט אפשניט און מען האט נישט געקענט צוקומען צו קברי צדיקים אין אונגארן, איז ביי עלטערע סאטמארער חסידים וועלכע זענען געפארן אויף אוהעל - אנגעהויבן פון די תש"ל יארן ווען הרבנית הצדקית מסאטמאר ע"ה פלעגט יערליך ארגאניזירן א נסיעה צו די יארצייטן פון צדיקי בית אוהעל וסיגעט; און ביז'ן היינטיגן טאג סיי אויף די יארצייט כ"ח תמוז און סיי א גאנץ יאר - געווען א דבר פשוט אז מען "קען נישט" ארויסלאזן "ליסקא" פונעם סדר הנסיעה. עס איז געווען א דבר המובן מאליו אז אויב פארט מען קיין אוהעל פארט מען אויך דעם ווייניגער ווי האלבע שטונדע וועג קיין ליסקא צום גרויסן תלמיד פונעם ישמח משה זי"ע, וויסנדיג דאס געוואלדיגע צוגעבינדענקייט וואס מרן רביה"ק זי"ע האט געשפירט צו דעם צדיק וקדוש בעל אך פרי תבואה זי"ע.

היי יאר אז מען האט ב"ה זוכה געווען איבערצושרייבן דעם אייגענטום פונעם בית החיים אין די שטאט ליסקא אונטערן בעלות פון קרן בית ליסקא אין ניו יארק און מען גרייט זיך בקרוב אנצוהויבן די רענאוואציעס ביים ציון הקודש, ווי אויך די בוי-ארבעט פון אלע נויטיגע איינריכטונגען צו פארגרינגערן דעם צוטריט צו דעם מקום קדוש, איז געוויס א דבר בעתו צו דערציילן אביסל פאר'ן יונגערן דור וואס ליסקא האט געמיינט פאר אוהעל, וואס אוהעל האט געמיינט פאר ליסקא און וואס ליסקא האט געמיינט פאר סאטמאר - פאר מרן רביה"ק זי"ע.

און וואס דארף מען מער ווי נאכדערציילן לשון צדיק, מעשיות ועובדות וואס דער רבי האט אליין דערציילט איבער דעם ליסקא צדיק וואס מיר וועלן דא ברענגען אין א סעריע ארטיקלען אין עטליכע וואכן. מיר וועלן אנהויבן מיט צוויי באקאנטע עובדות וואס מיר וועלן אויסשמועסן באריכות פון עטליכע מקורות.

## מסוגל צו דערמאנען דעם נאמען פאר תקיעת שופר

צווישן סאטמאר חסידים איז ידוע ומפורסם אז ראש השנה איידער תקיעת שופר האט דער רבי געהאט אן ענין גדול צו דערמאנען דעם נאמען פון רבי הערשעלע ליסקער זי"ע. ער האט געהאט עפעס א פארבארגענעם טעם הכמוס אז בלויז דערמאנען זיין נאמען איז מסוגל פאר המתקת הדינים. צומאל ווען ער האט געהאט צייט פלעגט ער ביי "פאזע" פאר תקיעת שופר דערציילן א מעשה פונעם ליסקא רב און אויב ער האט נישט געהאט קיין צייט פלעגט ער צומאל בלויז זאגן "רבי הערשעלע ליסקער איז געווען אן ערליכער איד".

מער אויספירליך איז דערציילט אין קונטרס "דולה ומשקה", עובדות וואס עס האט דערציילט הגה"צ רבי משה דוב וויינבערגער זצ"ל אבד"ק פאיע, וועלכער האט כידוע געהאט די זכי' צו זיין משמש בקודש אין די ערשטע צייטן ווען דער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע, (וויבאלד ר' יוסף אשכנזי איז געבליבן אין ארץ ישראל חתונה האבן). איז דערציילט דארט (דף ר') ווי פאלגענד:

זייענדיג א מקורב אין רבינ'ס שטוב, האט דער פאיער רב ז"ל בייגעוואוינט ביים רבי'ן אום ראש השנה צוויי יאר, א מערקווירדיגן ענין מיט וואס דער רבי האט זיך געגרייט צו תקיעת שופר. דער פאיער רב האט דאס געהערט ביידע טעג ראש השנה תש"ח פאר תקיעת שופר און די זעלבע זאך ביידע טעג ראש השנה שנת תש"ט.

פאר דער רבי איז אריין אין בית המדרש שופר בלאזן, האט דער רבי געזאגט פאר די מקורבים אז פאר תקיעת שופר איז מסוגל צו רעדן פון די פריערדיגע צדיקים, אז זייער זכות זאל ממתיק זיין די דינים, און ער האט אנגעהויבן צו שמועסן פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעמח"ס אך פרי תבואה.



די מצבה אויפ'ן ציון פון הייליגן ישמח משה זי"ע

ראש השנה שנת תש"ח האט דער רבי דערציילט א מעשה פון ליסקא רב, אז ער איז איינמאל געפארן קיין אוהעל כ"ח תמוז, די יארצייט פון הייליגן ישמח משה זי"ע. ער האט זיך א קורצע צייט משתטח געווען אויפ'ן ציון און איז גלייך פון דארט אהיימגעפארן, נישט ווי עס איז געוויינליך געווען זיין שטייגער, אז ער פלעגט זיך אפרוהען אויף די אכסניא אין אוהעל וואו ער פלעגט געזעגענען דעם עולם און ערשט דערנאך אהיימגעפארן. יענעם יאר האט דער ליסקא רב נישט געוואלט געזעגענען דעם עולם, נאר איז גלייך אהיים געפארן קיין ליסקא.

ווען מ'האט אים געפרעגט פארוואס ער איילט זיך אהיימצופארן, האט דער ליסקא רב זי"ע געענטפערט אז ער האט געזען ווי זיין רבי דער ישמח משה שטייט ביי זיין ציון מיט אויסגעשפרייטע הענט און ער בענטשט אלע אידן וואס זענען זיך געקומען משתטח זיין ביי זיין ציון, דעריבער פארט ער גלייך אהיים כדי אהיימצוטראגן די ברכה, און ער וויל נישט דארט געזעגענען ווייל ער וויל נישט זיין א מורה הלכה בפני רבו.

דער פאיער רב האט דערציילט אז ער איז ערשטוינט געווארן א יאר שפעטער, שנת תש"ט, אז דער רבי האט ווידעראמאל פאר תקיעת שופר ביידע טעג דערמאנט א ווארט אדער א סיפור פון הייליגן ליסקא רב זי"ע. מ'האט געזען אז דער רבי האט עפעס א ספעציעל ענין צו דערמאנען דעם זכות פון ליסקא רב זי"ע פאר תקיעת שופר.

עס איז מערקווירדיג אז דאס זעלבע האבן דערציילט די משמשים בקודש פון די שפעטערדיגע יארן. ביז'ן לעצטן יאר פון די הסתלקות האט דער רבי כמעט יעדעס יאר ראש השנה דערמאנט דעם ליסקא רב, אן עובדא אדער א תורה, און צוגעלייגט אז פאר תקיעת שופר איז מסוגל צו רעדן פון צדיקים. פיל מאל האט ער בלויז דערמאנט "דער ליסקא רב איז געווען אן ערליכער איד".

הרה"ח ר' עזריאל גליק ז"ל משב"ק פלעגט איבערזאגן פון רבי'ן בזה הלשון: "פאר תקיעת שופר איז א סגולה צו רעדן פון פריערדיגע צדיקים - דער ליסקא רב איז געווען א צדיק אמת". אמאל האט דער רבי געזאגט דאס לשון "ערליכער איד" און אמאל "צדיק אמת". מער האט ער נישט געזאגט. דאס איז געווען איינע פון די וואונדערליכע ענינים וואס מ'האט געזען ביים רבי'ן, און וואס קיינער האט נישט געהאט קיין השגה, שבילו במים רבים ועקבותיו לא נודעו.

## די מעשה האט פאסירט נאך איינמאל

איבער די מעשה פון רבי הערשעלע מליסקא ביים ישמח משה'ס ציון איז כדאי צו באמערקן אז אין ספר מושיען של ישראל (ח"ב עמוד ק"ל) איז געברענגט אז פילע סאטמארער חסידים האבן געהערט פון רבי'ן אז די מעשה האט פאסירט נאר איין יאר.

אויך אינעם קונטרס "זכרונות" פון הרה"ח ר' מרדכי שפיטצער ז"ל, דער באקאנטער אייער-סוחר פון וויליאמסבורג און נאנטער מקורב פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, וואס איז ערשינען דורך זיין זון הרה"ח ר' אברהם יושע שפיטצער הי"ו, איז דערציילט:

"מיין פאטער הרה"ח ר' מרדכי שפיטצער ז"ל האט דערציילט אז ער

פלעגט שפאצירן מיט'ן רבי'ן זי"ע אין בעל הארבעה. איינמאל ביי די יארצייט פון ישמח משה זי"ע האט ער איבערדערציילט פאר'ן רבי'ן די באקאנטע מעשה, אז ווען הרה"ק רבי הערשעלע מליסקא זי"ע בעל אך פרי תבואה איז געקומען קיין אוהעל צום ישמח משה'ס ערשטע יארצייט, האט ער געזען ווי דער ישמח משה שטייט און בענטשט אלע משתטחים מיט זיינע הענט, און ער האט זיך גלייך אויסגעדרייט און אהיימגעפארן.

האט דער רבי מעיר געווען דערויף: "דאס האט דער ליסקער רב נאר איינמאל געזען; עס איז נישט געווען יעדעס יאר". (דער רבי האט געמיינט דערמיט צו זאגן אז אין אנדערע יארן האט ער זיך יאר לאנג משתטח געווען און איינגעריסן בדבר ישועה ורחמים).

עס איז כדאי צוצוצייכענען אז אויך ספר דרכי הישר והטוב זעט מען אז די מעשה האט פאסירט נאר איינמאל. דער מחבר דער ליסקא אייניקל הגה"צ רבי זאב וואלף גאלדבערגער זצ"ל שרייבט דארט (דף כ"ז ע"א), ווי פאלגענד: "איך האב געהערט פון אים (דעם זיידן דער בעל אך פרי תבואה) ווי ער האט דערציילט אז ווען עס איז נסתלק געווארן הרב הגאון הקדוש מוהר"ם ט"ב זצ"ל (ישמח משה) און ער איז געווען צום ערשטן מאל אויף זיין ציון מקום מנוחתו, האט זיך אים געדאכט ווען ער איז אנגעקומען צום טיר פונעם אוהל ווי הרב הקדוש שטייט דארט און דרשנ'ט אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי ער פלעגט יעדעס יאר זאגן די דרשה ביום שלש עשרה מדות, און זיינע הענט זענען אויסגעשפרייט העכער די קעפ פונעם ציבור און ער בענטשט זיי".

## צוויי סיבות פאר'ן אהיימפארן גלייך

אויך דער וואלקאנער רב הגה"צ רבי יחיאל אויש זצ"ל האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער הגה"צ רבי אהרן אויש זצ"ל אבד"ק לופעני, וואס ער האט געהערט פון זיין שווער הגה"ק בעל טל חיים מליסקא זי"ע אז זיין שווער הגה"ק בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע האט זיך פארזוימט אויפ'ן ציון נאר א קורצע צייט און האט זיך דערנאך שנעל אהיימגעיאגט, זאגענדיג אז ער האט געזען ווי זיין הייליגער רבי בענטשט אלע מתפללים מיט אויסגעשפרייטע הענט ווי ביי ברכת כהנים און דערפאר האט ער זיך געאיילט אהיים כדי ארייצוברענגען די ברכה וואס ער האט באקומען, גלייך אין זיין הויז.

הרה"ח ר' אלי' דוד הלוי טירנויער ז"ל האט אבער דערציילט א גירסא וואס ער האט אליין געהערט פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע אז דער סדר פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז געווען, אז יעדעס יאר ווען ער איז געפארן אויף אוהעל צו די יומא דהילולא פון זיין רבי'ן הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, פלעגט ער אויפ'ן וועג אהיים זיך אפשטעלן אין די שטאט פאטיק און דארט האט ער גענומען קוויטלעך מיט פדיונות און דערנאך פלעגט ער דארט איבערנעכטיגן. איין יאר האט ער זיך נישט אפגעשטעלט אין פאטיק נאר איז גלייך אהיימגעפארן קיין ליסקא און יעדער האט זיך געוואונדערט דערויף. ווען מען האט אים געפרעגט דעם טעם האט הרה"ק מליסקא זי"ע געענטפערט אז ער האט געזען ווי זיין הייליגער רבי דער ישמח משה בענטשט יעדן איינעם ביים ציון, האט ער געוואלט אהיימברענגען די ברכה ביז צו אים אין שטוב אריין.

די סיבה פארוואס ער איז גלייך אהיימגעפארן ברענגען אלע אז ער האט געוואלט אהיימפירן די ברכה גלייך צו זיך אין שטוב אריין. אין מושיען של ישראל ווערט געברענגט אז איינמאל האט דער רבי דערציילט, אז דער ליסקא רב האט געזאגט, אז וויבאלד ער האט געזען זיין רבי'ן בענטשן דעם ציבור ווי ביים לעבן, אויב אזוי איז די שטאט אוהעלי נאך פאררעכנט ביים ישמח משה ווי "אתרא דמר", דעריבער וויל ער זיך נישט פירן ווי א רבי אין זיין רבינ'ס שטאט...

ווי געברענגט פריער פונעם ספר "דולה ומשה" האט אויך דער פאיער רב זצ"ל געהערט פון רבי'ן ראש השנה תש"ח ביידע סיבות, סיי אהיימצופירן די ברכה אין שטוב אריין און סיי נישט זיין א מורה הלכה בפני רבו.

## געהערט ווי די שכינה לערנט מיט'ן ישמח משה

אין דברי יואל פרשת נשא (דף קצ"ד ע"ב - און דאס זעלבע שטייט אויך אין חידושי תורה פרשת משפטים תש"ך) שרייבט דער רבי:

מיר ווייסן א מעשה וואס איז געווען ביי קדושת זקני בעל ישמח משה זלה"ה, אז איינמאל איז געקומען צו אים הרה"ק מליסקא זלה"ה און ער האט נישט געקענט אריינגיין אין זיין צימער וויבאל די טיר איז געווען פארשפארט. איז ער געבליבן ווארטן אינדרויסן ביי די טיר און אינצווישן האט ער ארויסגעהערט פונעם צימער ווי זיין הייליגער רבי' לערנט און מען הערט זיין קול און אויך נאך א קול. הרה"ק מליסקא האט געמיינט אז ער לערנט דארט מיט נאך א מענטש.

ווען דער ישמח משה האט געעפנט די טיר האט דער ליסקער רב נישט געזען קיין שום מענטש אויסער אים, און ער האט זיך


דער אוהל אין אוהעל אויפ'ן ציון הקדוש פונעם ישמח משה זי"ע איידער די קריג

זייער געוואונדערט און געפרעגט דעם ישמח משה דערויף אז ווען די טיר איז געווען פארשפארט האט ער געהערט צוויי קולות וואס לערנען.

האט דער הייליגער זיידע זלה"ה געענטפערט מיט א פשטות: "דו קענסט דען נישט דעם מאמר חז"ל (תנא דבי אליהו פי"ח) 'כל תלמיד חכם שיושב בינו לבין עצמו וקורא ושונה, כביכול הקודש ברוך הוא יושב כנגדו וקורא ושונה עמו'?" [יעדער תלמיד חכם וואס זיצט און לערנט פאר זיך אליין, זיצט כביכול הקב"ה דארט קעגנאיבער אים און לערנט מיט אים צוזאמען].

## דערקענט אויפ'ן פנים ווער ס'איז געווען סנדק

אין ספר "הגה"ק בעל ישמח משה" (עמוד קצ"ג) איז געברענגט וואס דער מחבר האט געהערט פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע אז הרה"ק מליסקא זצ"ל פלעגט זאגן: "איך דערקען אויפ'ן פנים פון א מענטש וואס דער ישמח משה איז געווען דער סנדק ביי זיין ברית".

אמאל איז געווען ביים אך פרי תבואה א דרייסיג יעריגער יונגערמאן (וואס דער ליסקער צדיק האט אים קיינמאל פריער געזען) און דער ליסקער רב האט זיך אנגערופן "מען דערקענט אז דער ישמח משה איז געווען זיין סנדק", וכך הוה.

## א לשון הגמרא איז אויך רוח הקודש

עס איז באקאנט אז נאך די חתונה פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז ער אמאל געפארן זיך באראטן מיט זיין גרויסן רבי'ן דער ישמח משה זי"ע איבער א געוויסן ענין. דער רבי ישמח משה האט אים גארנישט געענטפערט אויף זיין פראגע נאר זיך אויסגעדרוקט "הפוכי בעיסקא טב", (א לשון הגמרא אין מסכת יבמות דף ס"ג ע"א, ווי רבי אלעזר האט געזען ווי איינער האט אנגעזייט זיין פעלד אין דער ברייט, האט ער אים מייעץ געווען ער זאל דאס ארומדרייען און אנזייען אין די לענג, ווי רש"י זאגט "טב להרויח יותר", ער וועט מער קענען פארדינען דערפון).

שפעטער האט רבי הערשעלע געזאגט אז דער לשון הגמרא איז געווען א רוח הקודש, וואס דער איבערשטער האט אריינגעשיקט אינעם מויל פונעם צדיק דער ישמח משה.

מער הסבר און איינצלהייטן איבער די עובדא ווערט געברענגט אין ספה"ק דברי יואל פרשת בהעלותך (עמוד רע"ז) ווי דער רבי שרייבט ווי פאלגנד:

"עס איז באקאנט די עובדא פון קדושת זקני הישמח משה זלה"ה, אז איינמאל האט אים געפרעגט הרה"ק מליסקא זלה"ה אן עצה איבער וויין האנדל, צי ער זאל זיך אריינלאזן אין דעם צי נישט, האט אים דער זיידע זלה"ה געענטפערט ער זאל נישט אריין אין דעם האנדל און ער האט זיך באצויגן אויף א געוויסן ארט אין ש"ס וואס פון דארט האט ער אזוי אויפגעדרונגען.

ווען דער ליסקער רב איז ארויסגעגאנגען האט ער געזאגט "איך האב געמיינט ער וועט מיר ענטפערן מיט רוח הקודש, דערווייל האט ער מיר נאכגעזאגט א גמרא. אויב אזוי קען איך דאך טרעפן אן אנדערע גמרא וואס פון דארט וועט מען ארויסדרינגען אז דער האנדל איז דוקא גוט און איך קען יא מצליח זיין דערין".

ער האט טאקע אזוי געטון, ער האט איינגעשטעקט אין דעם וויין האנדל און אין ענדע האט ער שאדן געהאט דאס געלט. דעמאלט האט הרה"ק מליסקא געזאגט, "יעצט ווייס איך אז דאס אליין איז א רוח הקודש, אז אים זאל איינפאלן די ריכטיגע גמרא וואס איז דער אמת'ער ענטפער אויף דעם ענין וואס איך האב געפרעגט".

## דער נאמען "צבי הירש"

אינעם קונטרס זכרונות פון הרה"ח ר' מרדכי שפיטצער ז"ל, דער נאנטער מקורב פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, דערציילט זיין זון הרה"ח ר' אברהם יושע שפיטצער הי"ו, ווי פאלגנד:

אמאל ביי א שפאציר אין בעל-הארבער ביום כ"ח תמוז, יומא דהילולא פון הייליגן ישמח משה זי"ע, האט דער טאטע ז"ל - וועלכער איז געווען אן אייניקל פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע - דערציילט פאר'ן רבי'ן וואס עס איז מקובל ביי זיי אין די משפחה, אז רבי הערשלע ליסקער האט ביים ברית באקומען דעם נאמען "צבי הירש" נאכ'ן פאטער פונעם ישמח משה זי"ע, רבי צבי הירש שיף ז"ל.

דערביי האט מיין טאטע מוסיף געווען וואס ער האט געהערט, אז דעם רבינ'ס עלטערער ברודער, הגה"ק רבי חיים צבי טייטלבוים זי"ע אבדק"ק סיגעט בעל עצי חיים, האט נישט געהייסן "צבי" נאך זיין עלטער-עלטער זיידן רבי צבי הירש שיף, נאר נאכ'ן חכם צבי זי"ע. דער טאטע האט דערצו צוגעלייגט, אז ער האט געהערט זאגן אז אין משפחת עצי התמרים האט מען נישט געגעבן קיין נאמען נאכ'ן ישמח משה'ס פאטער ר' צבי הירש.

ווען דער רבי האט געהערט די לעצטע ווערטער האט ער זיך אנגערופן: "ווער האט דיר דאס געזאגט? איך האב דאס קיינמאל נישט געהערט אינדערהיים".

האט דער טאטע געענטפערט: "איך האב געהאט א פעטער אינדערהיים, רבי אלחנן שלמה גראס ז"ל, וועלכער איז געווען אן איידעם ביים ראחובער רב זצ"ל; ער האט דאס מיר דערציילט".

דער רבי האט רעאגירט דערויף: "אויב ער האט אזוי געזאגט איז דאס אמת".

## נאר וויפיל געלט ער דארף אויף די מינוט

דער רבי זי"ע האט כמה פעמים דערציילט די פאלגענדע:

ווען רבי הערשעלע ליסקער זי"ע איז געווען א יונגערמאן האט ער געוואוינט אין די שטאט אוהעל און געלערנט דארט תורה מתוך הדחק. דאס דחקות איז געווען עד אין לשער, אסאך מאל האט ער פשוט געהונגערט. אמאל האט פאסירט אז עס זענען דורכגעגאנגען דריי טעג און ער האט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א שטיקל ברויט.

אינעם דריטן טאג האט זיך געמאכט אז א פרוי א מקשה לילד איז געווען אין א גרויסע סכנה, איז די מוטער פון רבי הערשעלע ליסקער, די באקאנטע צדיקת שרה די בעקערין ע"ה, געקומען אין חלום צו די מוטער פון די פרוי די מקשה לילד און איר געזאגט אז אזוי ווי איר זון רבי הירש האט שוין דריי טעג נישט געגעסן, אויב זי וועט אים געבן א "פערציגער" (א גרויסע מטבע פון יענע צייט) פון וואס ער זאל קענען קויפן ברויט פאר זיך און זיין שטוב, וועט איר טאכטער האבן א ישועה און דאס קינד וועט געבוירן ווערן געזונט און שטארק.

ווען די פרוי האט זיך דערוועקט איז זי גלייך געגאנגען אין בית המדרש אויפזוכן רבי הערשעלע, זי האט אים דערציילט דעם חלום און גלייך געגעבן דעם פערציגער און תיכף דערויף איז מען שוין געקומען זאגן די גוטע בשורה אז איר טאכטער האט געבוירן דאס קינד למזל טוב.

האט רבי הערשעלע ליסקער געזאגט דערויף, אז ער זעט אז מן השמים וויל מען נישט ער זאל האבן מער געלט, נאר וויפיל ער נויטיגט זיך אין די מינוט, ווייל אויב מיין מאמע וואלט געזאגט אין חלום מען זאל געבן הונדערט גילדען וואלט דאך די פאמיליע זיכער געגעבן, ווייל זי איז דאך געווען פארצווייפלט נאך א ישועה. אבער די מאמע האט געזאגט בלויז געבן א פערציגער, גענוג איך זאל זיך קענען האלטן ביים חיות.

##ביידע צדיקים האבן אייניגע לעבטיגע אויגן

אין ספר "מושיען של ישראל" (ח"ב עמוד צ"ז) איז דערציילט א מעשה נפלא וואס הרה"ח המפורסם ר' שלמה בראווער ז"ל מנאמני ביתו פון רביה"ק זי"ע וואס ער האט אמאל אליין געהערט פון רבי'ן ווי פאלגענד:

אין די געגנט פון אוהעלי איז געווען א חסיד וועלכער האט געדונגען א גיט (דערפל) פונעם לאקאלן פאריץ און דארט אויפגעשטעלט א קרעטשמע (מאטעל און ווערצהויז) פון וואס ער האט געצויגן פרנסה. איינמאל האט דער פאריץ אים געשיקט זאגן אז פון היינט און ווייטער פארלאנגט ער ער א העכערונג אינעם רענט און אויב דער קרעטשמער וועט אים נישט צוגעבן די העכערונג וועט ער פארלירן זיין חזקה און ער וועט דאס פארדינגען פאר א צווייטן.

דער קרעטשמער איז אריבערגעפארן צום ישמח משה זי"ע און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ. דער ישמח משה האט אים בארואיגט ער זאל נישט זיין באזארגט און האט אים גע'עצה'ט ווי פאלגענד: "וואס קענסטו דען טון? מיין עצה איז אז אויב ער בעט א העכערונג זאלסטו אים נאכגעבן, און אלעס וועט שוין פאלן אין פלאץ



כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א ביים ציון הקדוש אין אוהעל

בעז"ה".

דער קרעטשמער איז אויך געווען א חסיד פון הרה"ק רבי ר' הערש מרימנוב זי"ע. האט זיך געמאכט אז פונקט דעמאלט איז דער ר"ר הערש מרימנוב דורכגעפארן אוהעל, איז ער אריין אויך צו אים און זיך מזכיר געווען איבער די העכערונג וואס דער פאריץ בעט. זאגט אים דער רבי ר' הערש: "זאלסט בשום אופן נישט צוגעבן אפילו איין פרוטה פאר'ן פאריץ" און ער האט אים געגעבן א הבטחה אז ער וועט זיין חזקה נישט פארלירן.

איצט אז דער חסיד האט שוין געהאט א הבטחה פונעם ר"ר הערש, איז אים ענדערש געווען צו פאלגן זיין עצה איידער דעם ישמח משה'ס וואס וואלט אים געקאסט אסאך געלט. ער האט אזוי געטון, זיך נישט וויסענדיג געמאכט פונעם פאריץ און נישט אריבערגעשיקט די העכערונג. ווען עס איז אנגעקומען דער ענדע-דאטום און דער פאריץ האט נישט באקומען וואס ער האט פארלאנגט איז ער אריבערגעפארן אין די קרעטשמע מיט גרויס אויפברויז און צוגענומען די חזקה און דאס פארדינגען פאר א גוי וועלכער האט איינגעשטימט צו געבן דעם העכערן פרייז.

דער איד איז געבליבן אינגאנצן אויסגעשפילט און אויך פארשעמט, זעענדיג אז ער האט נישט-גוט אפגעשניטן פון נישט פאלגן דעם ישמח משה. בלית ברירה איז ער אריבערגעפארן קיין אוהעל און זיך געשטעלט פאר'ן ישמח משה און אים אויסגעזאגט דעם גאנצן אמת, אז דער ר"ר הערש מרימנוב איז דא געווען און ער האט אים גע'עצה'ט נישט צו געבן איין פרוטה מער, ער האט אים געפאלגט און איצט איז ער געבליבן אן פרנסה; ער האט א שטוב מיט קינדער צו שפייזן און ער איז געבליבן ארעם ווי די נאכט.

האט אים דער ישמח משה פארגעהאלטן: איך האב דאך געהייסן דו זאלסט אים נאכגעבן די העכערונג און אין ענדע וועט אלעס פאלן אין פלאץ. ווען דו פאלגסט ווען מיך וואלסטו דיר געקענט שפארן דעם גאנצן עגמת נפש. פארוואס האסטו מיך נישט געפאלגט?

איז פונקט געשטאנען דארט דעם ישמח משה'ס תלמיד מובהק, הרה"ק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, וועלכער פלעגט אויך פארן צו הרה"ק רבי ר' הערש מרימנוב זי"ע (און צו נאך אסאך צדיקי הדור). רופט זיך דער ישמח משה אן צום אך פרי תבואה: "געב א קוק וואס דיין רבי פון רימינאוו האט געטון, ער האט אים אזוי און אזוי מייעץ געווען און וואס איז געשען מיט אים?"

רופט זיך אן דער אך פרי תבואה: "איך בין זיכער אז אויב דער ר"ר הערש רימינאווער האט אים אזוי גע'עצה'ט נישט צו געבן די רענט העכערונג, האט ער דאס געזאגט מיט רוח הקודש און זיין עצה וועט זיכער מקוים ווערן".

למעשה איז דורכגעגאנגען עטליכע שווערע וואכן אויף דעם קרעטשמער, ער האט זיך ארומגעדרייט פארוויטאגט און פארוויינט אויף זיין גרויסן בראך אז ער האט פארלוירן זיין פרנסה און ער האט זיך דאס אליין אנגעווירטשאפט ווייל ער האט נישט געפאלגט דעם ישמח משה. ביז איין טאג שיקט דער פאריץ רופן דעם קרעטשמער און זאגט אים אזוי:

"הער אויס, איך וויל דיך איבערבעטן אויף אלעם וואס איך האב דיר געטון, אז איך האב דיר אוועקגענומען די קרעטשמע מיט צוואנג. דער נייער קרעטשמער (דער גוי) האט מיר צוגעזאגט אז ער וועט באצאלן פיל מער וויפיל דו פלעגסט באצאלן ביז היינט, אבער אין ענדע קען ער נישט אויספירן וואס ער האט פארשפארכן און נישט נאר צאלט ער נישט די העכערונג נאר אפילו די ביז איצטיגע רענט צאלט ער אויך נישט. דערפאר האב איך חרטה אויפ'ן גאנצן געשעפט און איך וויל דיר צוריק פארדינגען

די קרעטשמע פאר'ן זעלבן פרייז וואס איך פלעג דיר פארדינגען אלע יארן, איך דארף נישט קיין שום העכערונג, אלעס בלייבטביים אלטן".

איצט האט מען געזען ווי די ברכה פון הרה"ק רבי ר' הערש מרימנוב זי"ע איז טאקע מקוים געווארן. א צייט שפעטער איז דער ר"ר הערש ווידערמאל דורכגעפארן אוהעל און דער חסיד דער קרעטשמער איז אים אריין באדאנקען אויף זיין ברכה, און דערביי האט ער אים דערציילט אלעס וואס ער האט געהאט מיט'ן ישמח משה, אז ער האט געהייסן ער זאל יא נאכגעבן און למעשה האט ער נישט געפאלגט און ער האט חרטה געהאט, נאר שפעטער האט זיך אלעס איבערגעדרייט צום גוטן ווי דער ר"ר הערש האט געזאגט.

זאגט אים דער רבי ר' הערש: זאלסט נישט מיינען אז איך האב געזען בעסער ווי דעם אוהעלער רב און אז ער האט נישט געזען מיט רוח הקודש דאס זעלבע וואס איך האב געזען. באמת האבן מירביידע געזען די זעלבע זאך, נאר דער ישמח משה איז בטבע זייער א ווייכער און א גוטער נאטור און ער האט נישט געקענט צוזען דיין צער און ליידן אז עטליכע וואכן וועסטו בלייבן אן פרנסה, האט ער דיר ענדערש געראטן אזוי דו זאלסט יא נאכגעבן די העכערונג און ער האט שוין געהאט זיין וועג וויאזוי דאס צו פארגוטיגן. אבער איך בין נישט ווי דער אוהעלער רב, איך האב געקלערט עס איז ענדערש דו זאלסט ליידן עטליכע וואכן אז נאכדעם זאל דער רענט צוריקגיין צום אלטן פרייז. אבער אין "אספקלריא המאירה" האבן מיר ביידע געזען איינס!

## א "ברודער" מיט'ן הייליגן קאמארנער זי"ע

אין ספר מושיען של ישראל איז דערציילט בשם הרה"ח ר' יודא לייב ווייס ז"ל, דער רבי זי"ע פלעגט אסאך מאל קומען פראווען שבתים אין שאמלוי, אויף די איינלאדענונג פונעם שאמלויער רב הגאון הגדול רבי שלמה זלמן עהרנרייך זצ"ל. דאס צווייטע מאל ווען דער רבי איז געווען דארט אויף א שבת איז געווען אויף שבת פרשת בחוקתי תרצ"ז. שבת צופרי נאכ'ן דאווענען איז דער רבי איינגעלאדנט געווארן אויף קידוש ביים מרא דאתרא כנהוג, און די צוויי גדולי ישראל האבן געשמועסט צווישן זיך סיפורי צדיקים.

האט ר' יודא לייב ווייס (און אזוי האט אויך דערציילט הרה"ח ר' יחזקאל אייזדארפער ז"ל) וועלכער איז אנוועזנד געווען, געהערט ווי דע רבי דערציילט די פאלגענדע מעשה:

דער אך פרי תבואה זי"ע האט אויסגעזען זייער ענליך צו הרה"ק בעל היכל הברכה מקאמארנא זי"ע, און עס איז מקובל דערויף די פאלגענדע מעשה. ווי באקאנט פלעגט זיין פאטער, הרה"ק רבי אלכסנדר מקאמארנא זי"ע קומען אסאך באזוכן קיין אוהעל און ער איז אויך געקומען דארט לקבורה, אין זעלבן אוהל ווי דער ישמח משה זי"ע. אין אוהעל האבן דאך ווי באקאנט געוואוינט אסאך ברענעדיגע מתנגדים און איינמאל ווען רבי סענדער'ל קאמארנער איז געווען דארט האבן זיי געוואלט אונטערשטעלן אויף אים א געמיינעם בלבול; זיי האבן שוין געהאט אויסגעארבעט א גאנצן פלאן, צו דינגען פאר גרויס געלט א מופקרת וועלכע זאל ארויסלאזן א שם רע ר"ל און אים גיין מסר'ן ביי די רעגירונג.

אין אוהעל האט געוואוינט די באקאנטע אשה תמימה וישרה באקאנט מיט'ן נאמען "שרה די בעקערין", וועלכע איז געווען א בעקערין אין הויז פון הייליגן ישמח משה זי"ע. זי איז געווען א געוואלדיגע יראת השם און עס איז אנגעקומען צו אירע אויערן דעם בייזוויליגן פלאן פון די מתנגדים, האט זי מורא'דיג שטארק געוואלט פארמיידן דעם חילול ה', איז זי געגאנגען און זיך אנגעטראגן פאר די מתנגדים אז זי איז גרייט ארויסצולאזן דעם שם רע אויף רבי סענדערל. זיי האבן איר געטרויעט און איר געגעבן דאס געלט.

וויסענדיג אז די מתנגדים זענען שוין צופרידן אז זיי האבן שוין געלאזט אין גאנג זייער שפיצל, האט זי פארציילט פאר די גאנצע שטאט וואס די אינשי דלא מעלי האבן געפלאנט צו טון, עס איז נתגלה געווארן קלונם ברבים און דער כבוד פונעם הייליגן רבי סענדער'ל איז נישט פארשוועכט געווארן.

ווען דער קאמארנער איז אנגעקומען אין שטאט און געהערט דערפון האט ער איר געלאזט רופן און געזאגט "דו האסט מיך אויפגעלעבט און איך וויל דיר באצאלן. זאלסטו וויסן אז איך האב געדארפט געבוירן נאך א זון, איך געב דיר אוועק דעם זון במתנה".

דעמאלט האט שרה די בעקערין געבוירן איר זון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע, און וויבאלד אין הימל זענען דער היכל הברכה מקאמארנא און רבי ר' הערשעלע מליסקא געווען ברידער, דעריבער האט געהערשט צווישן זיי א גרויס ידידות און זיי האבן אויך געענדלט איינער צום אנדערן.

## א רבי מיט יראת שמים

אין ספר "גדולת יהושע" (פון הגה"צ מטעמעשוואר זצ"ל) איז געברענגט (חלק שיחות קודש, דף ס"א):



די באן סטאנציע אין ליסקא - וואו מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע פלעגט אפשטייגן כ"ח תמוז, אויפ'ן וועג אהיים פון די יארצייט אין אוהעל, און אריינפארן אין שטאט מתפלל זיין ביים ציון פון הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע, דער גרויסער תלמיד פונעם בעל ההילולא זי"ע

איך האב געהערט מפה קודש רביה"ק מסאטמאר זי"ע אז איינמאל האט הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע בעמח"ס אך פרי תבואה איז אין זיינע יונגע יארן געגאנגען באזוכן די צדיקי הדור און ער איז געווען ביי כמעט רוב צדיקי הדור. ער איז אויך געווען ביי הרה"ק רבי ישראל מרוזשין זי"ע און ווען ער איז אריינגעקומען האט דער רוזשינער פונקט געהאלטן אינמיטן רעדן מיט אן אנדערן איד פון אונגארן.

הערט דער רבי ר' הערשעלע ווי דער רוזשינער פרעגט יענעם איד בזה"ל: "וויאזוי איז געווען היי יאר די וואקסינג?" (ד.ה. וויאזוי איז געוואקסן די פירות און תבואה דאס יאר?) האט דער אונגארישער איד געענטפערט, "לויט וויפיל רעגן עס איז געווען האט נאך גאנץ פיין געוואקסן". אויף דעם האט דער רוזשינער געענטפערט פאר דעם איד בזה"ל: "ס'איז דען א חידוש? אז עס וואקסן רבי'ס אן יראת שמים, קען וואקסן תבואה אן רעגן".

ווען רבי הערשעלע מליסקא האט געהערט די ווערטער ארויסקומען פון הייליגן מויל פון רוזשינער האט אים אנגעכאפט א ציטערניש און ער איז געווען זיכער אז דער רוזשינער האט טאקע אים געמיינט אז ער האט נישט קיין יראת שמים. ער איז געווארן דערפון מוראדיג בצער און ער האט זיך אונטערגענומען פילע סיגופים ותעניתים און מוסיף געווען א געוואלדיגע עבודה צו זיין טאג טעגליכן סדר היום.

פון דארט איז דער ליסקא רב געפרן מקבל זיין פני הרה"ק רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע. ווי נאר ער האט איבערגעטרעטן דעם שוועל פון זיין הויז, נאך איידער ער האט עספיעט שלום צו נעמען, איז רבי מאיר'ל אים קעגנגעלאפן מיט א גרויסע שמחה און פרייליך פנים און אים אריינגעברענגט אין זיין חדר מיוחד. דארט האט ער אים געזאגט בזה"ל "שלום עליכם ליסקא רב, איך האב געהערט אויסרופן אין הימל איר זענט א רבי מיט יראת שמים"!

## דאס רייכע לעבנסשטייגער פונעם הייליגן רוזשינער זי"ע

אין ספר "קובץ אליהו" (אות ש"ח) דערציילט הרה"ג רבי חיים אליהו שטערנבערג ז"ל,וועלכער איז געווען דער רב פון די קטמון געגנט אין ירושלים, וואס ער האט אליין געהערט פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע, ווי פאלגענד:

הרה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע איז ארומגעפארן צו אסאך צדיקים, צווישן זיי איז ער אמאל געפארן צו הרה"ק רבי ישראל מרוזשין זי"ע (ווען ער האט שוין געוואוינט אין סאדיגורא). ביים אריינקומען איז ער זייער ערשטוינט און פארוואונדערט געווארן פונעם געוואלדיגן עשירות און די קעניגליכע ווירטשאפט וואס נעמט ארום דאס גאנצע הויז, ווי אלעס איז באדעקט מיט גאלד און זילבער, און אפילו דער פערדן שטאל איז אזוי מייעסטעטיש און פראכטפול.

דער הייליגער ליסקא רב וועלכער איז געקומען זיך לערנען א דרך אין עבודת ה' האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געפרעגט דעם רוזשינער פשט אין דעם. האט אים דער הייליגער רוזשינער געענטפערט: זאלסט וויסן אז עס קומען צו מיר אידן פון אלע שיכטן, צדיקים, בינונים און רשעים. זיי געבן אלע קוויטלעך מיט פדיונות אבער נישט פון אלע געלטער וויל איך געניסן. פונעם גאנצן געלט וואס קומט אריין פון די פדיונות בלייבט איבער פאר מיר אליין קוים עפעס, ממש ווינציגער פון ווייניג, ווייל פאר מיר אליין נוץ איך נאר געלט וואס איך ווייס אז עס קומט פון ריין, ערליכע קוועלער. וואס טו איך אלזא מיט'ן איבעריגן געלט?

"פון די בינונים באדעקט מען דאס הויז מיט גאלד און זילבער. פון די רשעים מאכט מען א פערדן שטאל."

**(פארזעצונג קומט אי"ה)**